**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/11/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער ביל צו אוועקשטעלן ניו יארק'ס צענטער פאר דיסלעקסיע און דיסגראפיע צו פארמערן הצלחה צווישן שילער מיט לערנען דיסאביליטיס

***ביל A2687/S5569 שטעלט אוועק א צענטער פאר דיסלעקסיע און דיסגראפיע אינערהאלב סטעיט עדזשוקעישען דעפארטמענט צו פארבעסערן וויאזוי שולעס אידענטיפיצירן און שטיצן שילער מיט לייענען און שרייבן שוועריגקייטן***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אונטערגעשריבן ביל A2687/S5569 וואס שטעלט אוועק די צענטער פאר דיסלעקסיע און דיסגראפיע (Center for Dyslexia and Dysgraphia) אינערהאלב די סטעיט עדזשוקעישען דעפארטמענט (Education Department) צו פארבעסערן וויאזוי שולעס אידענטיפיצירן און שטיצן שילער מיט די לייענען און שרייבן שוועריגקייטן. די צענטער וועט אוועקשטעלן א סטעיט-ברייטע צוגאנג צו זאמלען און מיטטיילן די בעסטע מעטאדן, עס וועט באשטימען סטאנדארטן פאר די אפשאצונג פון אלע שילער פון קינדערגארטן ביז 5'טע קלאס און פאר נייע שילער, און עס וועט אוועקשטעלן אויפגעוויזענע שיטות פאר אינטערווענץ און טרענירונג פאר לערער. עס וועט אויך אנטוויקלען אן אנווייזונג ביך אין די קומענדיגע צוויי יאר, ווערנדיג איבערגעארבעט צום ווייניגסטנס איינמאל יעדע פינף יאר, דעקנדיג לעגאלע פאראנטווארטליכקייטן, מעטאדן צו אפשאצן שילער, אנווייזונגען, צוגענג באזירט אויף די וויסנשאפט פון לייענען און ווירקזאמע אנטוויקלונג און אקאמאדירונגען פאר א פערזענליך-צוגעפאסטע חינוך פראגראם. דורכן אונטערשרייבן די ביל, ווייזט די גאווערנער ארויס איר פארפליכטונג צו זיכער מאכן אז ניו יארקע שילער האבן די בעסטע חינוך תוצאות אריבער דאס לאנד — און די מיסיע רעכנט אריין דאס שטיצן די כמעט איינס פון יעדע פינף קינדער וועלכע באגייען זיך מיט לערנען דיסאביליטיס אין די קלאסצימער.

"דורכן אונטערשרייבן די ביל, טוה איך פייערן צוזאמען מיט די טויזנטע פאמיליעס אריבער ניו יארק וועלכע מוטשענען זיך צו באגיין מיט די חינוך סיסטעם צוליב זייער קינד'ס לערנען דיסאביליטי", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "די אוועקשטעלונג פון די צענטער איז א געווינס פאר די ניו יארקער וועלכע זוכן ענטפערס פון די איין און צוואנציגסטע יאר הונדערט צו דיסלעקסיע און דיסגראפיע. דורכן אוועקשטעלן די צענטער, טוט ניו יארק פארשטערקערן איר פארפליכטונג צו זיכער מאכן אז אלע שילער, אריינרעכענענדיג די וועלכע האבן לערנען דיסאביליטיס, האבן די בעסטע הצלחה אין די קלאסצימער."

די היינטיגע אנאנסירונג ערגענצט גאווערנער Hochul's (האקול) ברייטערע באמיאונגען צו פארבעסערן לייענען סקילס צווישן קינדער. אין 2023, האט גאווערנער Hochul (האקול) אונטערגעשריבן א ביל צו אוועקשטעלן די דיסלעקסיע און דיסגראפיע איינהייט (Dyslexia and Dysgraphia Task Force), וואס איז באאויפטראגט געווארן מיטן אוועקשטעלן פארשריפטן איבער וויאזוי צו אפשאצן קינדער פריערהייט, אינטערווענצן און טרענירונג פון לערער פאר דיסלעקסיע, דיסגראפיע און פארבינדענע לערנען דיסאביליטיס. די ענדגילטיגע באריכט האט פארגעשטעלט 14 רעקאמענדאציעס פאר סטעיט-שטאפל

פּאָליסי שרייבער, און עטליכע דערפון זענען שוין זינט דאן איינגעפירט געווארן, אריינרעכענענדיג די אוועקשטעלונג פון די צענטער.

אין צוגאב, האט די גאווערנער'ס Back to Basics Reading Plan ('צוריק צו די יסודות לייענען פלאן') איניציאטיוו, אוועקגעשטעלט אין 2024, זיך קאנצענטרירט אויף אויפגעוויזענע שיטות צו אויסלערנען קינדער צו לייענען, באזונדערס פאר די פריע עלעמענטערי קלאסן, און עס האט אריינגערעכנט סיסטעמאטישע מעטאדן צו אויסלערנען די קשר צווישן אותיות און קלאנגען (פאָוניקס) און וויאזוי קלאנגען שטעלן זיך צוזאם צו מאכן ווערטער (פאָונימיקס) — בענעפיטירנדיג אלע שילער, באזונדערס די מיט דיסלעקסיע. די סטעיט-ברייטע שטופ פאר סיסטעמאטישע אויסלערנונג מעטאדן ציהלט צו באדייטנד פארבעסערן די לייענען תוצאות פאר שילער מיט דיסלעקסיע, אזוי ווי די מעטאדן זענען אין איינשטימונג מיט וואס פארשונג ווייזט צו ארבעטן פאר קינדער וואס מוטשענען זיך צו לייענען.

**סטעיט סענאטארשע Patricia Fahy (פעטרישע פעיהי) האט געזאגט,** "אומגעפער 1 פון יעדע 5 קינדער אין ניו יארק סטעיט מוטשעט זיך מיט דיסלעקסיע, אבער פאר צו לאנג האט ניו יארק נישט געהאט אן איינהייטליכע, אויפגעוויזענע צוגאנג צו אידענטיפיצירן און שטיצן די שילער. מיר טוהען נישט בלויז אוועקשטעלן א צענטער — נאר מיר גיבן פאר מחנכים, פאמיליעס און שילער די כלים וואס זיי דארפן שוין פאר יארן צו אדרעסירן די אנגעלעגנהייט. פריע אפשאצונג, סיסטעמאטישע אויסלערנונג שיטות און אנטוויקלונג פון פראפעסיאנאלע סקילס פון א הויכע קוואליטעט דארפן נישט זיין א לוקסוס — נאר זיי זענען יסודות'דיגע געברויכן צו זיכער מאכן אז יעדער ניו יארקער קינד און שילער קען לערנען צו לייענען און שרייבן מיט זעלבסט-זיכערהייט. צופיל פון די ניו יארקע שילער זענען נישט פארשטאנען געווארן און נישט ריכטיג אפגעשאצט געווארן, אבער היינט הויבן מיר אן צו טוישן די געשיכטע. א דאנק פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן אריינשרייבן די ביל אין געזעץ, אסעמבלי מיטגליד Bobby Carroll (באַבי קעראל) פאר זיין פירערשאפט אויף די נושא, און איך בין שטאלץ אז ניו יארק איז יעצט אין פאזיציע צו ווערן א נאציאנאלע פירערין ביים שטיצן שילער מיט דיסלעקסיע און די וועלכע לערנען אויף אן אנדערן אופן."

**אסעמבלי מיטגליד Robert Carroll (ראבערט קעראל) האט געזאגט,** "איך בין אויפגעוואקסן זיך מוטשענענדיג מיט דיסלעקסיע. אויב דאס וואלט נישט אידענטיפיצירט געווארן פריערהייט און איך וואלט נישט באקומען אן עכטע אינטערוועניץ, וואלט איך נישט אדורכגעמאכט שולע — אפגערעדט צו אנקומען צו א פלאץ וואו איך קען שרייבן געזעצן צו העלפן אנדערע קינדער באקומען די שטיצע וואס איך בין געווען מזל'דיג צו באקומען. היינט, שרייבט גאווערנער Hochul (האקול) אונטער א געזעץ וואס נעמט א וויכטיגע טריט אין ריכטונג פון גיבן די זעלבע טשאנס פאר יעדעס קינד אין אונזער סטעיט. ניו יארק'ס דיסלעקסיע צענטער וועט אוועקשטעלן א סטעיט-ברייטע סטרוקטור, גיבן פאר שולעס און לערער די כלים צו אידענטיפיצירן דיסלעקסיע און דיסגראפיע פריערהייט און צושטעלן טרעניררונג אין דאס אויסלערנען צו לייענען און שרייבן אויף א סיסטעמאטישע, מסודר'דיגע אופן וואס בויט ארויף איין סקיל אויף די פריערדיגע און ברענגט אריין מערערע חושים. איך בין דאנקבאר פאר די גאווערנער פאר איר פירערשאפט, און פאר די שתדלנים, מחנכים און פאמיליעס אריבער ניו יארק וועלכע האבן געקעמפט דאס צו ערמעגליכן. דאס אוועקשטעלן די דיסלעקסיע צענטער וועט זיכער מאכן אז פיל מער קינדער באקומען די שטיצע וואס איך האב באקומען. דאס אריינלייגן אין געזעץ מיינט אז די בעסטע אנערקענטע מעטאדן וועלן אנגיין און פארזעצן צו ווייזן די וועג פאר וויאזוי מיר העלפן ארויס יעדן לייענער וואס מוטשעט זיך."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגלידערין Julie Menin (דזשולי מענין) האט געזאגט,** "די צענטער איז א גרויסע טריט אין ריכטונג פון פארבעסערן די לערנען תוצאות פאר טויזנטע ניו יארקע שילער מיט דיסלעקסיע און דיסגראפיע. דורכן אוועקשטעלן א ספעציעל-געווידמעטע צענטער אינערהאלב די ניו יארק סטעיט עדזשוקעישען דעפארטמענט, ווייזט ניו יארק ארויס איר פארפליכטונג צו אויפגעוויזענע חינוך

מעטאדן, פריע אידענטיפיצירונג און בעסערע שטיצע פאר יעדן שילער. איך אפלאדיר גאווערנער Hochul (האקול) פארן אוועקשטעלן די ספעציעל-געווידמעטע אפיס צו זיכער מאכן אז יעדעס קינד, אפגעזעהן פון זייער צוגאנג צום לערנען, האט צוטריט צו די כלים, טרענירונג און אינטערווענצן וואס זענען נויטיג פאר זיי צו בליהען."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגלידערין Farah N. Louis (פאראה נ. לואיס) האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער Hochul (האקול) פארן אונטערשרייבן די וויכטיגע ביל צו אוועקשטעלן א ספעציעל-געווידמעטע צענטער פאר דיסלעקסיע און דיסגראפיע. פאר צו לאנג האבן פאמיליעס אריבער ניו יארק זיך געמוטשעט זיך אן עצה צו גיבן מיט סיסטעמען וועלכע זענען נישט געווען אויסגעשטעלט צו קענען שטיצן אלע שילער וועלכע לערנען אויף אנדערע וועגן. קינדער מיט דיסלעקסיע, דיסגראפיע און אנדערע פארבינדענע וועגן פון לערנען זענען לאנג פארקוקט געווארן אין די אנטוויקלונג פון ארומנעמיגע, סטראטעגישע צוגענג וואס ערלויבן זיי זיך צו צופאסן און צו מצליח זיין אין די קלאסצימער. איך קוק ארויס צו זעהן די צענטער ווערנדיג געעפנט און די געלעגנהייטן וואס עס וועט ברענגען פאר פאמיליעס אין מיין דיסטריקט און אריבער ניו יארק. יעדעס קינד דארף האבן א גערעכטע וועג צו הצלחה ביים לערנען, און די אונטערנעמונג ברענגט אונז נאענטער צו די צוזאג."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגלידערין Rita Joseph (ריטא דזשאָוסעף) האט געזאגט,** "אלס א לאנגיאריגע מחנכת, האב איך געזעהן ווי טראנספארמאטיוו די ריכטיגע שטיצע קען זיין פאר א קינד וואס מוטשעט זיך מיטן לייענען אדער שרייבן. גאווערנער Hochul'ס (האקול) אוועקשטעלונג פון א צענטער פאר דיסלעקסיע און דיסגראפיע איז א מאנומענטאלע טריט וואס וועט סוף כל סוף ברענגען איינהייטליכקייט, מומחיות און עכטע האפענונג פאר שילער וועלכע האבן געווארט פאר צו לאנג. מיר מוזן בלייבן פארפליכטעט צו גיבן פריאריטעט פאר פריע אפשאצונג, אויפגעווייזענע חינוך מעטאדן און שטארקע טרענירונג פאר לערער. ווען מיר אינוועסטירן אין אונזערע קינדער'ס לייענען און שרייבן סקילס, אינוועסטירן מיר אין זייער צוקונפט, און היינט, האט ניו יארק אונטערגענומען א מאכטפולע טריט אין די ריכטיגע ריכטונג."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן